# חיוב שמחה איף חנוכה

חנוכה פורים

נס השמן / נצחון המלחמה / נס פורים / חיוב שמחה

לע"נ זאב ארי' ע"ה בן יבלחט"א שניאור זלמן גליק

**בנוגע** די טעג פון חנוכה געפינט מען צוויי שיטות אין די ראשונים:

א) דער מהר"ם מרוטנבורג האַלט,[1] אַז די סעודות וואָס מען מאַכט אין די טעג פון חנוכה זיינען ניט קיין סעודות מצוה, ווי די סעודות פון אַנדערע ימים טובים, נאָר זיי זיינען סעודות רשות.

און דער טעם אויף דעם איז, ווייל ווען די חכמים האָבן קובע געווען דער יום טוב חנוכה האָבן זיי ניט קובע געווען אַז זיי זאָלן זיין טעג פון שמחה אַזוי ווי אַנדערע ימים טובים, נאָר אַז זיי זאָלן זיין טעג וואָס מ'זאָל אין זיי געבן הלל והודאה צו דעם אויבערשטן.

ב) אַנדערע ראשונים[2] (תוספות, רשב"א, מרדכי) האַלטן אַז די חכמים האָבן קובע געווען די ימי חנוכה אויך אַלס ימי שמחה אַזוי ווי אַלע ימים טובים וועלכע זיינען "מועדים לשמחה," און דעריבער איז אין זיי יאָ פאַראַן אַ חיוב פון שמחה און צו מאַכן סעודות.

דער רמב"ם האַלט אויך ווי די ראשונים, אַז אין חנוכה איז דאָ אַ חיוב שמחה ווי אַנדערע ימים טובים, ווי דער רמב"ם שרייבט:[3] "ימים אלו שתחילתן בחמשה ועשרים בכסלו ימי שמחה והלל" (די אַכט טעג וואָס זייער אָנהויב איז אין כ"ה כסלו זיינען טעג פון שמחה און הלל.)

די סברת המחלוקת איז: צוליב וועלכן נס האָט מען קובע געווען חנוכה?[4]

דער מהר"ם מרוטנבורג האַלט אַז דער גאַנצער יום טוב איז צוליב דער נס מיט די נרות המנורה, און וויבאַלד אַז דאָס איז אַ רוחניות'דיקע זאַך האָט מען קובע געווען טעג וואָס מען פייערט אין אַ רוחניות'דיקער וועג - טעג פון געבן הלל והודאה צום אויבערשטן.

1. הובא בטור סימן עת"ר
2. מרדכי הארוך פסחים סימן תר"ה, תוספות תענית יח ב ד"ה הלכה.
תשובות הרשב"א חלק א' סימן תרצ"ט
3. הלכות חנוכה פרק ג' הלכה ג'
4. ראה לקוטי שיחות חלק י' שיחת חנוכה

דער מקור אויף די דעה איז פון די גמרא שבת דף כ"א עמוד ב,' די גמרא פרעגט "מאי חנוכה"? ענטפערט די גמרא "דתנו רבנן . . כשגברה מלכות בית חשמונאי בדקו ולא מצאו אלא פך אחד של שמן . . נעשה בו נס והדליקו ממנו שמונה ימים. לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה" (פרעגט די גמרא, וואָס איז חנוכה? ענטפערט די גמרא אַז די יוונים האָבן מטמא געווען אַלע בוימלען אין בית המקדש, און ווען די חשמונאים האָבן זיי באַזיגט האָבן זיי געפונען גענוג בוימל נאָר אויף איין טאָג, האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַ נס און פון די בוימל האָט מען געצונדן די מנורה פאַר אַכט טעג. דער קומענדיקער יאָר האָבן די חכמים באַשטימט אַ יום טוב אויף הלל והודאה.) זעט מען קלאָר אַז דער טעם אויף דעם יום טוב איז מצד נס הנרות, און אַז די חכמים האָבן עס קובע געווען פאַר הלל והודאה.

די אַנדערע ראשונים האַלטן אַז מען האָט מען קובע געווען דער יום טוב אויך אויף דער נס פון נצחון המלחמה אַנטקעגן די יוונים, וואָס דאָס איז אויך אַ גשמיות'דיקע הצלה. און דערפאַר דאַרף מען פייערן די טעג אויך מיט שמחה און סעודות.

לכאורה איז שווער אויף די ראשונים, פון די גמרא מפורשת אין מסכת שבת וואָס מיר האָבן פריער געבראַכט וואָס זאָגט אַז דער יו"ט איז צוליב דער נס השמן?

מוז מען זאָגן אַז די ראשונים לערנען אַז די גמרא פרעגט ניט ("מאי חנוכה?") פאַרוואָס האָט מען בכלל קובע געווען אַ יום טוב, דאָס ווייסט מען שוין פון אַנדערע ערטער - בפרט פון נוסח ועל הנסים וואָס דאָרטן רעדט זיך בעיקר וועגן דער נס פון נצחון המלחמה, אַז עס איז געווען אַ נצחון איבער די יוונים. נאָר די שאלה אין די גמרא איז, צוליב וואָס האָט מען אויך קובע געווען דער יום טוב אויף הלל והודאה? אויף דעם ענטפערט די גמרא צוליב דער נס הנרות.

ב לויט דעם קען מען לכאורה אויך מבאר זיין אַ צווייטע מחלוקת בנוגע חנוכה:

דער רמב"ם האַלט,[5] אַז דער נצחון המלחמה איז געווען אויף כ"ה כסלו.

דער מאירי[6] האַלט אָבער, אַז דער נצחון איז געווען אויף כ"ד כסלו.

5. הלכות חנוכה פרק ג' הלכה ב'
6. שבת כא, ב

קען מען זאָגן, אַז דער רמב"ם האַלט, אַז וויבאַלד אַז דער יום טוב האָט מען קובע געווען צוליב דער נצחון, און מען האָט קובע געווען חנוכה אויף כ"ה כסלו, מוז זיין אַז דער נצחון איז געווען אויף דעם זעלבן טאָג.

דער מאירי אָבער האַלט דאָך ווי דער מהר"ם אַז דער יום טוב האָט מען קובע געווען צוליב דער נס הנרות וואָס איז געווען ביום כ"ה, מוז מען זאָגן אַז די נצחון איז געווען פריער - אויף כ"ד כסלו.

מען קען אָבער אַזוי ניט לערנען, ווייל ביי פורים איז מפורש אין פסוק אַז דער נצחון איז געווען ביום י"ג אדר און דער יום טוב האָט מען קובע געווען נאָר אויף מאָרגן - י"ד אדר, ווען מען האָט גערוט פון די מלחמה!

ווערט צוריק די שאלה: וואָס איז דער הכרח אויף די שיטה פון דעם רמב"ם אַז ביי חנוכה איז דער נצחון געווען ביום כ"ה כסלו, און פונדעסטוועגן האָט מען קובע געווען דעם יום טוב אויף דער יום הנצחון?

ג מוז מען זאָגן אַז לויטן רמב"ם איז פאַראַן אַ חילוק צווישן פורים און חנוכה:

צו דאָס פאַרשטיין דאַרף מען פריער פאַרשטיין נאָך אַ זאַך לויט דער מהר"ם און דער מאירי, פאַרוואָס האָט מען טאַקע ניט קובע געווען דער יום טוב אויף דער נצחון המלחמה און מ'האָט קובע געווען נאָר צוליב דער נס הנרות?

דער ביאור אין דעם איז, דער מהר"ם האַלט אַז דער עיקר הנס ביי חנוכה איז דער נס פון די נרות, און דער גאַנצער נצחון איז נאָר אַ הקדמה אַז עס זאָל קענען זיין דער נס פון די נרות.

ביי פורים איז די גאַנצע שמחה איז די הצלה פון די אידן פון גזירת המן, דעריבער זיינען די ימי פורים "ימי משתה ושמחה."

די אַנדערע ראשונים האַלטן אַז אויך דער נס פון נצחון המלחמה איז אַן עיקר און ניט נאָר אַ הכנה אויף דער נס הנרות.

דער רמב"ם האַלט נאָכמער, אַז עס איז פאַראַן אַ מעלה אין נס הנצחון פון חנוכה איבער דער נס ההצלה פון פורים.

ביי פורים איז דער עיקר ניט דער נצחון איבער די גויים נאָר די תוצאה, דאָס וואָס יעצט זיינען די אידן געראַטעוועט געוואָרן פון גזירת המן. דער טעם אויף דעם איז: אין די הצלה גופא איז ניטאָ קיין נס בגלוי, דער גאַנצער נס איז געווען מלובש אין דרכי הטבע. און דעריבער האָט מען קובע געווען דער יום טוב ניט אין דער טאָג פון דער נצחון גופא, נאָר אין דער טאָג וואָס זיי האָבן גערוט פון זייערע פיינט.

אָבער ביי דער נצחון המלחמה בחנוכה זיינען געווען נסים גלויים, ווי מיר זאָגן אין ועל הנסים "מסרת גיבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים."

דערפאַר האָבן די חכמים קובע געווען דער יום טוב אויך אויף דער נצחון אַליין און ניט נאָר אויף דער תוצאה פון דער נצחון.

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין וואָס ביי חנוכה האָבן די חכמים קובע געווען אַז מ'זאָל פייערן אויך דער טאָג פון דער נצחון אַליין!

די הוראה פון דעם אין עבודת ה:' דער ענין פון נצחון המלחמה איז דער ענין פון סור מרע - פטור ווערן פון אַ מנגד. און דער נס פון די נרות איז אַן ענין פון גילוי אלקות וואָס קומט דורך עשה טוב - מוסיף זיין אין ליכטיקייט.

מען קען מיינען אַז דער גאַנצער ענין פון סור מרע איז ניט אַזוי חשוב, ווייל עס איז נאָר אַ הכנה צו עשה טוב.

איז פון דעם וואָס מען האָט קובע געווען דער יום טוב אויך מצד דער נצחון המלחמה, לערנט מען אַרויס, אַז סור מרע איז אויך אַן עיקר מצד עצמו, ווייל מיט דעם איז מען ממלא דעם אויבערשטן'ס רצון פּונקט ווי מיט די עבודה פון עשה טוב!

על פי לקוטי שיחות חלק ל' שיחת חנוכה א'

# קיצור לחזרה

1. מחלוקת מהו גדרו של חנוכה, הלל והודאה או גם ימי שמחה. סברת המחלוקת והתאמתו לגמרא שבת.

2. על פי זה מבואר לכאורה המחלוקת אם נצחון המלחמה היה בכ"ד או כ"ה בכסלו. ופירוכו.

3. החילוק בין חנוכה ופורים, אם נצחון המלחמה הוה מעצם הנס או רק הכנה. חידוש בנס הנצחון בחנוכה. על פי זה ביאור במחלוקת הנ"ל.

4. הוראה בעבודת ה', סור מרע אינו רק הכנה לועשה טוב אלא גם הוא עבודה עיקרית.